# FEMA און NYC HRA קאָוויד-19 באַגרעבעניש הילף:
# טויט סערטיפיקאט פראצעדור

**וויאַזוי קען איך אפּלייען פאר די פעדעראלע עמערדזשענסי מענעדזשמענט געזעץ (Federal Emergency Management Act, FEMA) קאָוויד-19 לויה הילף אָדער פאר NYC מענטשליכע הילפס־מיטלען אדמיניסטראציע (Human Resource Administration, HRA) קאָוויד-19 באַגרעבעניש הילף פראגראמען?**

- צו אפּלייען פאר די FEMA קאָוויד-19 לויה הילף פראגראם, באזוכט fema.gov/disasters/coronavirus/economic/funeral-assistance.
- צו אפּלייען פאר די NYC HRA קאָוויד-19 באַגרעבעניש הילף פראגראם, באזוכט www1.nyc.gov/site/hra/help/burial-assistance.page.

**ווער איז בארעכטיגט צו פארלאנגען א טויט סערטיפיקאט וואָס ווייזט די סיבה פון טויט?**

נאר די פאלגנדע קרובים פון דעם נפטר קענען פארלאנגען סיי די טויט סערטיפיקאט און די סיבה פון טויט: מאן/ווייב, פּארטנער, עלטערן, קינד, געשוויסטער, זיידע/באבע, אייניקל, דער אינפארמאנט וואס איז אריינגעשריבן אין די סערטיפיקאט און דער מענטש וואס איז פאראנטווארטליך צו אויסטיילן ירושה.

**ווי אַזוי קען איך באַקומען א טויט סערטיפיקאט וואָס ווייזט די סיבה פון טויט פון איינער וואס איז נפטר געווארן אין NYC?**

די NYC דעפּארטמענט פון געזונטהייט און גייסטישע היגיענע (NYC העלט דעפּארטמענט) גיבט ארויס טויט סערטיפיקאטן פאר מענטשן וואס זענען נפטר געווארן אין די פינף באָראָוס פון NYC (Bronx, Brooklyn, Manhattan, Queens, Staten Island) און זענען דא צו באקומען נאך די טויט פון א מענטש איז באריכטעט געווארן דורך די מעדיצינישע אנשטאלט און נאך די טויטפאל איז רעגיסטרירט געווארן דורך די NYC העלט דעפּארטמענט.

אויב א לויה היים אדער א חברא קדישא איז אריינגעמישט, איז די שנעלסטע וועג צו באקומען א טויט סערטיפיקאט צו עס באשטעלן פון די אנפירער פון די לויה וואס האט אראנזשירט די לויה. די לויה אנפירער קען באשטעלן טויט סערטיפיקאטן פאר אייך ביז צוויי יאר נאך די פטירה. מאכט זיכער צו בעטן פון זיי עס צו באשטעלן מיט די באריכט פון סיבה פון טויט.

אויב א לויה היים איז נאכנישט אריינגעמישט, אדער אויב איר קענט נישט באשטעלן די טויט סערטיפיקאט פון די לויה אנפירער, קענט איר עס אויך באשטעלן דורך די אינטערנעט ביי vitalchek.com. זעהט די NYC העלט דעפּארטמענט טויט סערטיפיקאטן וועבזייטל פֿאַר נאָך אינפארמאציע וועגן באשטעלן א טויט סערטיפיקאט. ווען איר וועלט אויס "FEMA Covid-19 Relief" (FEMA קאָוויד-19 הילף) אלץ די סיבה פארוואס איר באשטעלט די סערטיפיקאט, וועט די סיבה פון טויט אויטאמאטיש אריינגערעכנט ווערן אין אייער באשטעלונג.

**וויפיל קאסט א טויט סערטיפיקאט?**

יעדער סערטיפייד קאָפּיע קאָסט $15. עס זענען דא נאך צוצאלונגען ווען איר באשטעלט א טויט סערטיפיקאט דורך די אינטערנעט.

**וועל איך באַקומען אַ סערטיפייד קאָפּיע פון די טויט רעקאָרד?**

יא. די NYC העלט דעפּאַרטמענט וועט אַרויסגעבן א סערטיפייד קאָפּיע פון די אריגינעלע טויט סערטיפיקאט. א טויט סערטיפיקאט וואס איז סערטיפייד דורך NYC האט אויף זיך עטליכע זיכערהייט דעטאלן צו פארזיכערן אז די סערטיפיקאט איז אויטענטיש. אויב איר זענט בארעכטיגט צו זעהן די סיבה פון טויט (זעט אויבן), וועט איר אויך באַקומען די "Confidential Medical Report" (קאָנפידענטשעל מעדיצינישע באריכט) וואס ווייזט די סיבה פון טויט. דער דאָקומענט ווייזט אויך די נאָמען פון דעם נפטר און די טויט סערטיפיקאט נומער, און עס איז געדרוקט אויף באנד פאפיר.

**וויאַזוי קען איך בעטן אַ טויט סיבה אויב די סיבה פון טויט איז נישט אנגעוויזן אויף די טויט סערטיפיקיט?**
ביטע פארלאנגט די סיבה פון טויט ווען איר באשטעלט די טויט סערטיפיקיט.

**צו איז דא אַ באַזונדערע אפצאל פאר די סיבה פון טויט?**
ניין. עס איז נישטא נאך אן אפצאל פאר די סיבה פון טויט.

**וואָס קען איך טאָן אויב די סיבה פון טויט ווייזט "pending" (אין פראצעדור)?**
אויב די סיבה פון טויט ווייזט "pending" (אין פראצעדור), קענט איר אויפטוישן די טויט סערטיפיקאט ביז דריי חדשים פון די דאטום ווען די אריגינעלע טויט סערטיפיקאט איז ארויסגעגעבן געווארן. די דאטום ווען עס איז ארויסגעגעבן געווארן איז אנגעצייכנט אינגאנצן אונטן אויף די טויט סערטיפיקאט. איר קענט אויך באשטעלן אַ נייע טויט סערטיפיקאט וואס ווייזט די סיבה פון טויט דורך די אינטערנעט, וואס איר וועט באקומען שנעלער ווי דורכן אויפטוישן די טויט סערטיפיקאט.

**פארוואס ווייזט די סערטיפיקאט אז די סיבה פון טויט איז געווען נאטורליך ווען דער מענטש איז געשטארבן פון קאָוויד-19?**
אין אפריל 2020 האט די צענטער פאר קראנקהייט קאָנטראָל און פארמיידונג באשלאסן אז אין פאל פון טויט צוליב קאָוויד-19 אינפעקציע, וועט די אופן פון טויט במעט אייביג זיין נאטורליך.

**וואָס קען איך טוהן אויב די סיבה פון טויט ווייזט נישט קאָוויד-19?**
אפליקאנטן וועלכע האבן געדארפט צאלן קאָוויד-19־פארבינדענע לויה אויסגאבן צווישן יאנואר 20 און מאי 16, 2020, וועלן קענען ארייגעבן א טויט סערטיפיקאט וואס צייכנט נישט צו קאָוויד-19 אלץ די סיבה פון טויט — צוזאמען מיט אן אונטערגעשריבענע דעקלעראציע פון דער אינסטאנץ וועלכער איז אויסגערעכנט אויף די טויט סערטיפיקאט, פון דער קאראנער אדער פון דער מעדיקעל עקזעמינער, זאגנדיג אז די טויט איז געווען פארבינדן מיט קאָוויד-19. די געשריבענע דעקלעראציע מוז ארויסווייזן אדער ערקלערן וויאזוי די סיבה פון טויט וואס איז אויסגערעכנט אויף די טויט סערטיפיקאט איז פארבינדן מיט די ווירוס און עס זאל ארייגעגעבן ווערן צוזאמען מיט די טויט סערטיפיקאט.

אפליקאנטן קענען זיך אויך פארבינדן מיט די מעדיצינישע פראפעסיאנאל אדער אנשטאלט וואס האט באשטעטיגט די טויט צו פארלאנגען א טויש צו די טויט סערטיפיקאט אויב זיי קענען גיבן א בארעכטיגונג פארוואס די טויט דארף פארבינדן ווערן מיט קאָוויד-19. אויב איר זענט דער אינפארמאנט וואס איז אויסגערעכנט אין די טויט סערטיפיקאט אדער דער מענטש וואס איז פאראנטווארטליך צו צוטיילן די ירושה, קענט איר אריינגעבן א פארלאנג צו די NYC העלט דעפארטמענט צו טוישן די סיבה פון טויט. אנווייזונגען אויף וואס איר וועט דארפן אריינגעבן זענען דא [אויף די וועבזייטל](#) אין די אפט געפרעגטע פראגן (FAQ) טייל "What is the process to correct a death certificate?" (וואס איז די פראצעדור צו פאררעכטן א טויט סערטיפיקאט?).

**די NYC העלט דעפּאַרטמענט וועט מעגליך ענדערן אירע רעקאָמענדאציעס אזוי ווי די צושטאנד טוישט זיך.** 7.3.21